דער סירטע, האָט מען אַראָפּגעלאָזט די זעגל
8 און מען איז אַזוי געטריבן געוואָרן. און ווייל מיר
האָבן שווער געליטן פונם שטורמווינט, האָט מען
דעם אַנדערן טאָג אַרויסגעוואָרפן די לאָדונג;
9 און דעם דריטן טאָג האָט מען מיט די אייגענע
0 הענט אַרויסגעוואָרפן דאָס שיפסגעצייג. און אַזויווי
במשך פון מערערע טעג נישט די זון נישט די
שטערן האָבן זיך באַוויזן, און דער שטורם, נישט
קיין קליינער, איז (אויף אונז) געלעגן, איז סוף
כל סוף פאַרשוואונדן יעדע האָפענונג, אַז מיר זאָלן
1 געראַטעוועט ווערן. און היות מען האָט שוין לאַנג
נישט געהאַט געגעסן, האָט פּאולוס זיך געשטעלט
אין זייער מיט און געזאָגט: אָ מענער, איר האָט
מיך געדאַרפט הערן, זיך נישט אָוועקצושיפן פון
קרעטאַ, און איר וואָלט זיך איינגעשפּאָרט דאָס
2 דאָזיקע ליידן און דעם שאָדן. איצט אָבער פאָדער
איך אייך אויף, זיך צו שטאַרקן; וואָרום עס וועט
קיין נפש פון אייך נישט פאַרלוירן ווערן, אַ חוץ
3 די שיף. וואָרום אין דער דאָזיקער נאַכט איז בײַ
מיר געשטאַנען אַ מלאך פון ג-ט, וועמעס איך בין
4 און וועמען איך דין, אַזוי צו זאָגן: פאָרכט דיך נישט,
פּאולוס; דו דאַרפסט שטיין פאַרן קיסר; און זע,
ג-ט האָט דיר געשענקט אַלע, וואָס פאָרן מיט דיר.
5 דערפאַר, מענער, האָט מוט; ווייל איך גלייב ג-ט,
אַז עס וועט זיין פּונקט אַזוי, ווי עס איז מיר געזאָגט
6 געוואָרן. מיר מוזן אָבער געוואָרפן ווערן אויף
עפּעס אַן אינזל.
7 און ווען עס איז געקומען די פערצענטע נאַכט,
און מיר זענען געטריבן געוואָרן איבער דעם אדריאַ־
טישן ים, האָבן די שיפסלייט באַמערקט אַרום
האַלבער נאַכט, אַז זיי דערנענטערן זיך צו עפּעס